ווארשע, 12/XI 76

טייערע פריינט אונדזערע דינעלע און דודי! ליבע דודי!

נעמט צו, גוטע, אונדזער טיפן און הארציקן מיטגעפיל צוליבן אומגליק וואס האט געטראפן מיט אייער לייבן, טייערן פאטער. איך בין איינער פון די איינציקע צווישן די לעבעדיקע, וואס האבן נאך געקענט זיינע עלטערן און געדענקען אים אלס יונגן דינאמישן, [illegible] [illegible] און הומאניסטישן סטודענט. און האב אים נאכגעפאלגט אלע פיל עטאפן פון זיין לעבן. ער האט אין די שווערסטע צייטן, ווי זיינע [illegible] אינטעלעקטועלן נישט אפגעטראטן פון זיינע [illegible] פרינציפן און פון זיין ליבע צום יידישן פאלק און צו דער יידישער קולטור.

אז איר וועט זיך א ביסל ״אפשטעלן״ און צו זיך קומען, שרייבט, גוטע, אונדז א פאר ווערטער וועגן זיך און וועגן דער נייער לאגע ווי דער מאמען, וואס האט פארלוירן אזא חבר, ווי ער איז פאר איר געווען.

מיט די הארציקסטע גרוסן

רעגינע און דוד ספרן